מעשיות דעם רבינ'ס

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה ט'
מחכם ותם (1)
גליון 56


## שַׁבַּת שָׁלוֹם יְלָדִים יְקָרִים!

**הַשָּׁבוּעַ** הִתְחַלְנוּ אֶת הַמַּעֲשֶׂה הַיָּדוּעַ שֶׁסִּפֵּר רַבֵּנוּ ז"ל **מֵחָכָם וְתָם.** זֶה מַעֲשֶׂה אָרֹךְ שֶׁיִּתְפָּרֵס עַל כַּמָּה שָׁבוּעוֹת בעז"ה, בּוֹ רַבֵּנוּ מְלַמֵּד אוֹתָנוּ עַד כַּמָּה צָרִיךְ לְהִתְרַחֵק מֵחָכְמוֹת, וְאֶת גֹּדֶל מַעֲלַת מִי שֶׁהוֹלֵךְ בִּתְמִימוּת. בְּדֶרֶךְ כְּלָל מִי שֶׁלּוֹמֵד אֶת הַסִּפּוּר בְּעַיִן אֱמֶת וְרָצוֹן לְהִשְׁתַּנּוֹת, מְנַסֶּה לְהִתְבּוֹנֵן וּלְבָרֵר עִם עַצְמוֹ מִי אֲנִי? הַאִם אֲנִי הוֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ הֶחָכָם אוֹ הַתָּם? אֵין אֶחָד שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר עַל עַצְמוֹ שֶׁהוּא הַתָּם - כִּי לְכָל אֶחָד יֵשׁ הַרְבֵּה חָכְמוֹת בָּרֹאשׁ שֶׁמְּבַלְבְּלוֹת אוֹתוֹ לְגַמְרֵי, - וּמִצַּד שֵׁנִי גַּם הֶחָכָם לֹא, כִּי יֵשׁ בָּנוּ הַרְבֵּה תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי שֶׁטָּבוּעַ עָמֹק בְּנַפְשֵׁנוּ.

אֶפְשָׁר לִלְמֹד מִזֶּה, שֶׁהֶחָכָם וְהַתָּם שְׁנֵיהֶם נִמְצָאִים בְּתוֹכֵנוּ. **"וְלָמְדוּ שְׁנֵיהֶם בְּחֶדֶר אֶחָד".** הַתָּם זֶה הָאֱמֶת, הַתְּמִימוּת וְהַפַּשְׁטוּת שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד מֵאִתָּנוּ עוֹד מִיַּלְדוּתֵנוּ, וְהֶחָכָם, זֶה הַחָכְמוֹת וְהַקֻּשְׁיוֹת, וְכָל הַבִּלְבּוּלִים שֶׁיֵּשׁ לָנוּ בַּמֹּחַ, מִכֵּיוָן שֶׁהִתְרַחַקְנוּ בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים מֵהַתְּמִימוּת וְהַשִּׂמְחָה שֶׁהָיוּ לָנוּ בַּהַתְחָלָה.

**זוֹ הַקְדָּמָה** חֲשׁוּבָה מְאֹד כְּדֵי לִלְמֹד נָכוֹן אֶת הַמַּעֲשֶׂה. הַהֲבָנָה שֶׁגַּם הֶחָכָם וְגַם הַתָּם - זֶה אֲנִי. זֶה לִמּוּד פָּשׁוּט וְעָמֹק מְאֹד שֶׁנּוֹגֵעַ לְכָל תְּחוּמֵי הַחַיִּים, לְהַתְחִיל לְהִתְבּוֹנֵן אֵיךְ אֲנִי מִסְתַּכֵּל עַל הַתְּמִימוּת שֶׁלִּי; הַאִם אֲנִי מִתְבַּיֵּשׁ בָּזֶה? אוּלַי מִפְּנֵי שֶׁאֲנִי מְפַחֵד שֶׁהָעוֹלָם מְזַלְזֵל וּמִתְלוֹצֵץ מִזֶּה, הַאִם אֲנִי מְנַסֶּה לְהֵרָאוֹת לְכֻלָּם חוֹכְמוֹלוֹג וּמֵבִין?... אֵצֶל רַבֵּנוּ לִהְיוֹת **"תָּמִים"** זֶה עִקַּר הַיַּהֲדוּת, כְּמוֹ שֶׁאָמַר: **"וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת".** (ליקוטי מוהר"ן תנינא י"ב) אַךְ בְּעֵינֵי כָּל הָעוֹלָם לִהְיוֹת "תָּמִים" זוֹ לֹא מַעֲלָה גְּדוֹלָה... **"וְאֵצֶל הָעוֹלָם הָיָה לְלַעַג, וְהִשִּׂיגוּ תַּאֲוָתָם בּוֹ, שֶׁמָּצְאוּ מִמִּי לְהִתְלוֹצֵץ כִּרְצוֹנָם, כִּי הָיָה נִדְמֶה לִמְשֻׁגָּע"...** בִּשְׁבִיל זֶה חָשׁוּב לִלְמֹד הַרְבֵּה בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ, כְּדֵי לְקַבֵּל אֶת דַּעְתּוֹ הַקְּדוֹשָׁה, שֶׁהִיא הֲפוּכָה מֵהַדֶּרֶךְ הַמְּסֻלֶּפֶת וְהַחֲשׁוּכָה שֶׁל הֶחָכָם, שֶׁנָּפַל וְנִטְעָה בְּדַרְכּוֹ הָרָעָה לִשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת.

רַבֵּנוּ ז"ל מַפְלִיג מְאֹד בְּמַעֲלַת הַתְּמִימוּת וְאוֹמֵר שֶׁזֶּה "עִקַּר הַיַּהֲדוּת" וְ"הַתַּכְלִית" וְ"הַשְּׁלֵמוּת". **"עִקַּר הַתַּכְלִית וְהַשְּׁלֵמוּת הוּא רַק לַעֲבֹד הַשֵּׁם בִּתְמִימוּת גָּמוּר, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל"** (ליקוטי מוהר"ן תנינא י"ט) כְּמוֹ שֶׁנִּלְמַד בַּמַּעֲשֶׂה בְּעֶזְרַת ה', לְאֵיזוֹ דַּרְגָּה גְּבוֹהָה זָכָה הַתָּם הַקָּדוֹשׁ לְהַגִּיעַ עַל יְדֵי תְּמִימוּת. **"אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת".** (חיי מוהר"ן ת"ז) וְזוֹכֶה לִזְרֹק אֶת שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ הָאִישִׁית, וּמְבַטֵּל דַּעְתּוֹ בֶּאֱמֶת לְדַעַת הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי, אַשְׁרֵי לוֹ וְאַשְׁרֵי חֶלְקוֹ.

**שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָם (1)
# שֶׁסִּפְּרָה רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

**מַעֲשֶׂה** שְׁנֵי בַּעֲלֵי־בָתִּים הָיוּ בְּעִיר אַחַת, וְהָיוּ גְּדוֹלִים בַּעֲשִׁירוּת, וְהָיָה לָהֶם בָּתִּים גְּדוֹלִים, וְהָיוּ לָהֶם שְׁנֵי בָּנִים, לְכָל אֶחָד בֵּן אֶחָד, וְלָמְדוּ שְׁנֵיהֶם בְּחֶדֶר אֶחָד.

**וְאֵלּוּ** הַשְּׁנֵי בָּנִים הָיוּ אֶחָד מֵהֶם בַּר־הֲבָנָה, וְהָאֶחָד הָיָה תָּם (לֹא שֶׁהָיָה טִפֵּשׁ, אֶלָּא שֶׁהָיָה לוֹ שֵׂכֶל פָּשׁוּט וְנָמוּךְ).

**וְאֵלּוּ** הַשְּׁנֵי בָּנִים הָיוּ אוֹהֲבִים זֶה אֶת זֶה מְאֹד; אַף־עַל־פִּי שֶׁהָאֶחָד הָיָה חָכָם וְהָאֶחָד הָיָה תָּם וּמֹחוֹ הָיָה נָמוּךְ, אַף־עַל־פִּי־כֵן אָהֲבוּ זֶה אֶת זֶה מְאֹד.

**לְיָמִים** הִתְחִילוּ הַשְּׁנֵי בַּעֲלֵי בָּתִּים הַנַּ"ל לֵירֵד, וְיָרְדוּ מַטָּה מַטָּה, עַד שֶׁאִבְּדוּ הַכֹּל וְנַעֲשׂוּ אֶבְיוֹנִים, וְלֹא נִשְׁאַר לָהֶם כִּי אִם הַבָּתִּים שֶׁלָּהֶם.

**וְהַבָּנִים** הִתְחִילוּ לְהִתְגַּדֵּל. אָמְרוּ הָאָבוֹת הַנַּ"ל לְהַבָּנִים: אֵין בְּיָדֵינוּ לְשַׁלֵּם עֲבוּרְכֶם לְהַחֲזִיק אֶתְכֶם; עֲשׂוּ לָכֶם מַה שֶּׁתַּעֲשׂוּ. הָלַךְ הַתָּם וְלָמַד מְלֶאכֶת רַצְעָן.

**וְהֶחָכָם**, שֶׁהָיָה בַּר־הֲבָנָה לֹא הָיָה רְצוֹנוֹ לַעֲסֹק בִּמְלָאכָה פְּשׁוּטָה כָּזוֹ, וְיָשַׁב בְּדַעְתּוֹ, שֶׁיֵּלֵךְ בָּעוֹלָם וְיִסְתַּכֵּל מַה לַּעֲשׂוֹת.

**וְהָיָה** הוֹלֵךְ וּמְשׁוֹטֵט בַּשּׁוּק, וְרָאָה עֲגָלָה גְּדוֹלָה עִם אַרְבָּעָה סוּסִים וְחָאמִיטִישׁ, שֶׁהָיְתָה רָצָה וְהוֹלֶכֶת. עָנָה וְאָמַר לְהַסּוֹחֲרִים: מֵאַיִן אַתֶּם? הֵשִׁיבוּ לוֹ: מִוַּארְשָׁא. לְהֵיכָן אַתֶּם נוֹסְעִים? לְוַארְשָׁא.

**שָׁאַל** אוֹתָם: שֶׁמָּא אַתֶּם צְרִיכִים מְשָׁרְתִים? רָאוּ שֶׁהוּא בַּר־הֲבָנָה וּמְזֹרָז, וְהוּטַב בְּעֵינֵיהֶם, וְקִבְּלוּ אוֹתוֹ עִמָּהֶם.

**וְנָסַע** עִמָּם וְשִׁמֵּשׁ אוֹתָם הֵיטֵב מְאֹד עַל הַדֶּרֶךְ. בְּבוֹאוֹ לְוַארְשָׁא, מֵאַחַר שֶׁהָיָה בַּר־הֲבָנָה, יָשַׁב עַצְמוֹ: מֵאַחַר שֶׁכְּבָר אֲנִי בְּוַארְשָׁא, לָמָּה לִי לְהִתְקַשֵּׁר עִם אֵלּוּ? אוּלַי יֵשׁ מָקוֹם טוֹב מֵהֶם? אֵלֵךְ וַאֲבַקֵּשׁ וְאֶרְאֶה.

**וְהָלַךְ** בַּשּׁוּק, וְהִתְחִיל לַחְקֹר וְלִשְׁאֹל עַל הָאֲנָשִׁים שֶׁהֱבִיאוּהוּ וְאִם יֵשׁ טוֹב מֵהֶם. וְאָמְרוּ לוֹ, שֶׁהָאֲנָשִׁים הַלָּלוּ הֵם הֲגוּנִים, וְטוֹב לִהְיוֹת אֶצְלָם, אַךְ שֶׁקָּשֶׁה מְאֹד לִהְיוֹת אֶצְלָם מֵחֲמַת שֶׁהַמַּשָּׂא וּמַתָּן שֶׁלָּהֶם הוּא לְמֶרְחַקִּים מְאֹד.

**הָלַךְ** וְרָאָה מְשָׁרְתִים שֶׁל גֶּועֶלְבִּין, שֶׁהָיוּ הוֹלְכִים בַּשּׁוּק וְהָיוּ הוֹלְכִים כְּדַרְכָּם, עִם מִינֵי חֵן שֶׁלָּהֶם בְּכוֹבְעֵיהֶם וּבְמִנְעֲלֵיהֶם עִם הַקְּצָווֹת בּוֹלְטוֹת וּשְׁאָר מִינֵי חֵן שֶׁיֵּשׁ לָהֶם בְּהִלּוּכֵיהֶם וּבְמַלְבּוּשֵׁיהֶם וְהוּא הָיָה בַּר־הֲבָנָה וְחָרִיף, וְיָשַׁר בְּעֵינָיו מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁהוּא עִנְיָן נָאֶה וְגַם הַדָּבָר בְּבֵיתוֹ בִּמְקוֹמוֹ.

**הָלַךְ** אֶל הָאֲנָשִׁים שֶׁהֱבִיאוּהוּ, וְנָתַן לָהֶם תְּשׁוּאוֹת חֵן, וְאָמַר לָהֶם שֶׁאֵין נוֹחַ לְפָנָיו לִהְיוֹת אֶצְלָם. וְעַל מַה שֶּׁהֱבִיאוּהוּ, בְּעַד זֶה שִׁמֵּשׁ אוֹתָם בַּדֶּרֶךְ.

**וְהָלַךְ** וְעָמַד עַצְמוֹ אֵצֶל בַּעַל־הַבַּיִת אֶחָד. וְדֶרֶךְ הַמְשָׁרְתִים, שֶׁבִּתְחִלָּה צְרִיכִים לְהִשָּׂכֵר בְּפָחוּת וְלַעֲשׂוֹת עֲבוֹדוֹת כְּבֵדוֹת, וְאַחַר־כָּךְ בָּאִים לְמַעֲלוֹת הַמְשָׁרְתִים הַגְּדוֹלִים.

**וְהָיָה** הַבַּעַל־הַבַּיִת עוֹשֶׂה עִמּוֹ מְלָאכוֹת כְּבֵדוֹת, וְהָיָה שׁוֹלְחוֹ לַאֲדוֹנִים לָשֵׂאת סְחוֹרָה כְּדֶרֶךְ הַמְשָׁרְתִים, שֶׁצְּרִיכִים לָכֹף יְדֵיהֶם תַּחַת אַצִּילֵיהֶם לְהַנִּיחַ הַבֶּגֶד עַל בְּלִיטַת הַיָּד בְּרֹחַב הַכָּתֵף, וְהָיָה כָּבֵד עָלָיו מְאֹד עֲבוֹדָה כָּזוֹ. לִפְעָמִים הָיָה צָרִיךְ לַעֲלוֹת עִם הַמַּשָּׂאוֹי הַנַּ"ל עַל עֲלִיּוֹת הַגְּבוֹהוֹת, וְהָיָה קָשֶׁה עָלָיו הָעֲבוֹדָה.

**וְיִשֵּׁב עַצְמוֹ**, כִּי הָיָה פִילוֹסוֹף בַּר־הֲבָנָה: מַה לִּי לַעֲבוֹדָה זוֹ? הֲלֹא הָעִקָּר הוּא רַק בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית, לִשָּׂא אִשָּׁה וּלְהִתְפַּרְנֵס, עֲדַיִן אֵינִי צָרִיךְ לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה, עַל זֶה יִהְיֶה פְּנַאי לְהַבָּא, בַּשָּׁנִים הַבָּאוֹת, כָּעֵת טוֹב לִי לִהְיוֹת מְשׁוֹטֵט בָּאָרֶץ, לִהְיוֹת בַּמְּדִינוֹת, לְהַשְׂבִּיעַ עֵינַי בָּעוֹלָם.

**הָלַךְ בַּשּׁוּק** וְרָאָה, שֶׁנּוֹסְעִים בַּעֲגָלָה גְּדוֹלָה סוֹחֲרִים. וְשָׁאַל אוֹתָם: לְהֵיכָן אַתֶּם נוֹסְעִים? לְלַאגוֹרְנָא. הֲתִקְחוּ אוֹתִי לְשָׁם? הֵן. וְקִבְּלוּ אוֹתוֹ לְשָׁם, וּמִשָּׁם הִפְלִיג לְאִטַלְיָא, מִשָּׁם, לִשְׁפַּאנְיָא.

**בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ** עָבְרוּ כַּמָּה שָׁנִים, וְעַל־יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה עוֹד חָכָם יוֹתֵר מֵאַחַר שֶׁהָיָה בִּמְדִינוֹת רַבּוֹת.

**וְיִשֵּׁב עַצְמוֹ:** כָּעֵת רָאוּי לְהַבִּיט עַל הַתַּכְלִית. וְהִתְחִיל לַחְשֹׁב עִם פִילוֹסוֹפְיָא שֶׁלּוֹ מַה לַּעֲשׂוֹת, וַיִּישַׁר בְּעֵינָיו לִלְמֹד מְלֶאכֶת צוֹרֵף (בְּזָהָב), שֶׁהִיא מְלָאכָה גְּדוֹלָה וְנָאָה, וְיֵשׁ בָּהּ חָכְמָה, וְגַם הִיא מְלָאכָה עֲשִׁירָה.

**וְהוּא הָיָה** בַּר־הֲבָנָה וּפִילוֹסוֹף, וְלֹא הֻצְרַךְ לִלְמֹד הַמְּלָאכָה כַּמָּה שָׁנִים, רַק בְּרֶבַע שָׁנָה קִבֵּל אֶת הָאֻמָּנוּת וְנַעֲשָׂה אֻמָּן גָּדוֹל מְאֹד, וְהָיָה בָּקִי בַּמְּלָאכָה יוֹתֵר מִן הָאֻמָּן שֶׁלִּמְּדוֹ.

**אַחַר־כָּךְ** יָשַׁב עַצְמוֹ: אַף־עַל־פִּי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדִי מְלָאכָה כָּזוֹ, אַף־עַל־פִּי־כֵן אֵין דַּי לִי בָּזֶה. הַיּוֹם חָשׁוּב זֹאת, פֶּן בִּזְמַן אַחֵר יֵחָשֵׁב דָּבָר אַחֵר.

**וְהָלַךְ** וְהֶעֱמִיד עַצְמוֹ אֵצֶל שְׁטֵייְן־שְׁנַיידֶער, וּמֵחֲמַת הֲבָנָה שֶׁלּוֹ, קִבֵּל אֻמָּנוּת הַזֹּאת גַּם־כֵּן בִּזְמַן מֻעָט, בְּרֶבַע שָׁנָה.

**אַחַר־כָּךְ** יָשַׁב עַצְמוֹ עִם הַפִילוֹסוֹפְיָא שֶׁלּוֹ: גַּם שֶׁיֵּשׁ בְּיָדִי שְׁתֵּי הָאֻמָּנוּת, מִי יוֹדֵעַ פֶּן לֹא יֵחָשְׁבוּ שְׁנֵיהֶם; טוֹב לִי לִלְמֹד אֻמָּנוּת, שֶׁהִיא חֲשׁוּבָה לְעוֹלָם.

**וְחָקַר** בַּהֲבָנָה וּפִילוֹסוֹפְיָא שֶׁלּוֹ לִלְמֹד דָּאקְטִירַיי, שֶׁהוּא דָּבָר הַצָּרִיךְ וְחָשׁוּב תָּמִיד. וְדֶרֶךְ לִמּוּד דָּאקְטִירַיי - שֶׁצְּרִיכִין לִלְמֹד מִקֹּדֶם לָשׁוֹן לַטֵיין וְהַכְּתָב וְלִלְמֹד חָכְמוֹת פִּילוֹסוֹפְיָא.

**וְהוּא** מֵחֲמַת הֲבָנָתוֹ לָמַד גַּם זֹאת בִּזְמַן מֻעָט, בְּרֶבַע שָׁנָה וְנַעֲשָׂה דָּאקְטִיר גָּדוֹל וּפִילוֹסוֹף וְחָכָם בְּכָל הַחָכְמוֹת.

**אַחַר־כָּךְ** הִתְחִיל הָעוֹלָם לִהְיוֹת בְּעֵינָיו כְּלֹא, כִּי מֵחֲמַת חָכְמָתוֹ שֶׁהָיָה אֻמָּן גָּדוֹל כָּזֶה וְחָכָם וְדָאקְטִיר כָּזֶה, הָיָה כָּל אֶחָד מִבְּנֵי הָעוֹלָם בְּעֵינָיו כְּלֹא. וְיָשַׁב עַצְמוֹ לַעֲשׂוֹת לוֹ תַּכְלִית וְלִשָּׂא אִשָּׁה, וְאָמַר בְּדַעְתּוֹ: אִם אֶשָּׂא אִשָּׁה בְּכָאן, מִי יֵדַע מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה מִמֶּנִּי? אֵלֵךְ וְאָשׁוּב לְבֵיתִי לְמַעַן יִרְאוּ מַה שֶּׁנִּהְיָה מִמֶּנִּי, שֶׁהָיִיתִי נַעַר קָטָן, וְעַכְשָׁו בָּאתִי לִגְדֻלָּה כָּזוֹ!

**וְהָלַךְ** וְנָסַע לְבֵיתוֹ, וְהָיָה לוֹ יִסּוּרִין גְּדוֹלִים בַּדֶּרֶךְ, כִּי מֵחֲמַת חָכְמָתוֹ לֹא הָיָה לוֹ עִם מִי לְדַבֵּר, וְלֹא הָיָה מוֹצֵא אַכְסַנְיָא כִּרְצוֹנוֹ, וְהָיָה לוֹ יִסּוּרִים הַרְבֵּה.

**וְהִנֵּה נַשְׁלִיךְ כָּעֵת אֶת מַעֲשֵׂה הֶחָכָם, וְנַתְחִיל לְסַפֵּר בְּמַעֲשֵׂה הַתָּם:**

**הַתָּם הַנַּ״ל** לָמַד מְלֶאכֶת רַצְעָנוּת, וּמֵחֲמַת שֶׁהָיָה תָּם, לָמַד הַרְבֵּה עַד שֶׁקִּבֵּל, וְלֹא הָיָה בָּקִי בְּהָאֻמָּנוּת בִּשְׁלֵמוּת. וְנָשָׂא אִשָּׁה, וְהָיָה מִתְפַּרְנֵס מִן הַמְּלָאכָה,

**וּמֵחֲמַת שֶׁהָיָה תָּם,** וְלֹא הָיָה בָּקִי בְּהַמְּלָאכָה כָּל־כָּךְ עַל כֵּן הָיָה פַּרְנָסָתוֹ בְּדֹחַק גָּדוֹל וּבְצִמְצוּם, וְלֹא הָיָה לוֹ פְּנַאי אֲפִלּוּ לֶאֱכֹל כִּי הָיָה צָרִיךְ תָּמִיד לַעֲסֹק בַּמְּלָאכָה מֵחֲמַת שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל הָאֻמָּנוּת בִּשְׁלֵמוּת, רַק בִּשְׁעַת הַמְּלָאכָה, בְּשָׁעָה שֶׁהָיָה נוֹקֵב בַּמַּרְצֵעַ וְהָיָה מַכְנִיס וּמוֹצִיא הַחוּט הָעָב שֶׁל הַתְּפִירָה כְּדֶרֶךְ הָרַצְעָנִים, אָז הָיָה נוֹשֵׁךְ חֲתִיכַת לֶחֶם וְאוֹכֵל.

**וּמִנְהָגוֹ הָיָה, שֶׁהָיָה תָּמִיד בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה מְאֹד,** וְהָיָה רַק מָלֵא שִׂמְחָה תָּמִיד. וְהָיוּ לוֹ כָּל הַמַּאֲכָלִים וְכָל הַמַּשְׁקָאוֹת וְכָל הַמַּלְבּוּשִׁים.

**וְהָיָה אוֹמֵר לְאִשְׁתּוֹ:** אִשְׁתִּי, תֵּן לִי לֶאֱכֹל! וְהָיְתָה נוֹתֶנֶת לוֹ חֲתִיכַת לֶחֶם וְאָכַל.

**אַחַר־כָּךְ** הָיָה אוֹמֵר: תֵּן לִי הָרֹטֶב עִם קִטְנִית! וְהָיְתָה חוֹתֶכֶת לוֹ עוֹד חֲתִיכַת לֶחֶם וְאָכַל. וְהָיָה מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר: כַּמָּה יָפֶה וְטוֹב מְאֹד הָרֹטֶב הַזֶּה!

**וְכֵן הָיָה** מְצַוֶּה לִתֵּן לוֹ הַבָּשָׂר וּשְׁאָר מַאֲכָלִים טוֹבִים כַּיּוֹצֵא בָזֶה, וּבְעַד כָּל מַאֲכָל וּמַאֲכָל הָיְתָה נוֹתֶנֶת לוֹ חֲתִיכַת לֶחֶם, וְהוּא הָיָה מִתְעַנֵּג מְאֹד מִזֶּה וְשִׁבַּח מְאֹד אֶת אוֹתוֹ הַמַּאֲכָל, כַּמָּה הוּא מְתֻקָּן וְטוֹב, כְּאִלּוּ הָיָה אוֹכֵל אוֹתוֹ הַמַּאֲכָל מַמָּשׁ.

**וּבֶאֱמֶת** הָיָה מַרְגִּישׁ בַּאֲכִילָתוֹ הַלֶּחֶם טַעַם כָּל מַאֲכָל וּמַאֲכָל שֶׁהָיָה רוֹצֶה מֵחֲמַת תְּמִימוּתוֹ וְשִׂמְחָתוֹ הַגְּדוֹלָה.

**וְכֵן הָיָה מְצַוֶּה:** אִשְׁתִּי, תֵּן לִי שֵׁכָר לִשְׁתּוֹת! וְנָתְנָה לוֹ מַיִם. וְהָיָה מְשַׁבֵּחַ כַּמָּה יָפֶה הַשֵּׁכָר הַזֶּה. תֵּן לִי דְּבַשׁ! וְנָתְנָה לוֹ מַיִם, וְהָיָה מְשַׁבֵּחַ גַּם־כֵּן כַּנַּ״ל. תֵּן לִי יַיִן וְכוּ' כַּיּוֹצֵא בָזֶה! וְנָתְנָה לוֹ מַיִם, וְהָיָה מִתְעַנֵּג וּמְשַׁבֵּחַ אוֹתוֹ הַמַּשְׁקֶה כְּאִלּוּ הוּא שׁוֹתֶה אוֹתָהּ מַמָּשׁ.

**וְכֵן בְּמַלְבּוּשִׁים** הָיָה לָהֶם בְּשֻׁתָּפוּת, לוֹ וּלְאִשְׁתּוֹ פֶּעלְץ אֶחָד. וְהָיָה אוֹמֵר: אִשְׁתִּי, תֵּן לִי הַפֶּעלְץ! כְּשֶׁהָיָה צָרִיךְ לִלְבֹּשׁ פֶּעלְץ, כְּגוֹן לֵילֵךְ לַשּׁוּק. וְהָיְתָה נוֹתֶנֶת לוֹ.

**כְּשֶׁהָיָה צָרִיךְ** לִלְבֹּשׁ טוּלִיפּ לֵילֵךְ בֵּין אֲנָשִׁים, הָיָה אוֹמֵר: אִשְׁתִּי, תֵּן לִי הַטּוּלִיפּ! וְהָיְתָה נוֹתֶנֶת לוֹ הַפֶּעלְץ, וְהָיָה מִתְעַנֵּג מִמֶּנּוּ, וְהָיָה מְשַׁבֵּחַ: כַּמָּה יָפֶה הַטּוּלִיפּ הַזֶּה!

**כְּשֶׁהָיָה צָרִיךְ** לְקַאפְּטִין, כְּגוֹן לֵילֵךְ לְבֵית־הַכְּנֶסֶת, הָיָה מְצַוֶּה וְאוֹמֵר: אִשְׁתִּי, תֵּן לִי הַקַּאפְּטִין! וְהָיְתָה נוֹתֶנֶת לוֹ הַפֶּעלְץ, וְהָיָה מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר: כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה הַקַּאפְּטִין הַזֶּה!

**וְכֵן כְּשֶׁהָיָה** צָרִיךְ לִלְבֹּשׁ יוּפָּא, הָיְתָה נוֹתֶנֶת לוֹ גַּם־כֵּן הַפֶּעלְץ, וְהָיָה מְשַׁבֵּחַ וּמִתְעַנֵּג גַּם־כֵּן: כַּמָּה יָפֶה וְנָאָה הַיּוּפָּא הַזֹּאת, כַּנַּ״ל, וְכֵן בְּכַיּוֹצֵא בָזֶה. **וְהָיָה רַק מָלֵא שִׂמְחָה וְחֶדְוָה תָּמִיד.**

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָם (1)
# וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

**מַעֲשֶׂה אַמָאל** זֶענֶען גִיוֶועוֶן צְוֵויי בַּעֲלֵי בַּתִּים אִין אֵיין שְׁטָאט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹיס עַשִׁירוֹת. אוּן הָאבִּין גִיהַאט גְרוֹיסֶע הַייזֶער.

**דִי צְוֵויי בַּעֲלֵי בַּתִּים** הָאבִּין גִיהַאט צְוֵויי זִין. דְהַיינוּ אִיטְלִיכֶער הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן. דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין בֵּיידֶע גִילֶערִינְט אִין אֵיין חֵדֶר. אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גִיוֶועוֶן אַ חָכָם אוּן אֵיינֶער אִיז גִיוֶועוֶן אַ תָּם. (נִיט עֶר אִיז גִיוֶועוֶן אַ נַאר. נָאר זַיין שֵׂכֶל אִיז גִיוֶועוֶן פְּרָאסְטִי אָן חָכְמוֹת) אוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. כָאטְשֶׁע אֵיינֶער אִיז גִיוֶועוֶן אַ חָכָם אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גִיוֶועוֶן אַ תָּם אוּן זַיין שֵׂכֶל אִיז פְּרָאסְטִי גִיוֶועוֶן. פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבִּין זֵיי זִיךְ פָּארְט זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט.

**אִין אַ צַייט אַרוּם.** הָאבֶּען אָן גִיהוֹיבִּין דִי בֵּיידֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים אַרָאפּ צוּ גֵיין. פוּן זֵייעֶר עַשִׁירוֹת. אוּן זֶענֶען אַלְץ אַרָאפּ מַטָּה מַטָּה. בִּיז זֵיי הָאבִּין גָאר אָן גִיוואוּירְן אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין אָרִימֶע לַייט. אוּן סֶע אִיז זֵיי מֶער נִיט גִיבְּלִיבְּן נָאר זֵייעֶרֶע הַייזֶער. אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבִּין אוּנְטֶער צוּ וַואקְסִין. הָאבִּין דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים גִיזָאגְט צוּ דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבִּין נִיט צוּ צָאלִין פַאר אַייךְ. מִיר קֶענֶען נִיט הַאלְטִין אַייךְ. טוּט אַייךְ וָואס אִיר וֶועט קֶענֶען. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער תָּם אוּן הָאט זִיךְ גִילֶערִינְט שׁוּסְטֶערַיי.

**דֶער חָכָם** אִיז גִיוֶועוֶן אַ בַּר הַבָנָה (כְּלוֹמַר אַ קְלוּגֶער אַ פַארְשְׁטַאנְדִיקֶער מֶענְטְשׁ) הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט זִיךְ נֶעמֶען צוּ אַזוֹי אַ פְּרָאסְטִי מְלָאכָה. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועוֶן. עֶר וֶועט זִיךְ לָאזִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן וֶועט זִיךְ אַרוּם קוּקְן וָואס עֶר זָאל טָאן. אוּן עֶר אִיז אַרוּם גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַ גְרוֹיסֶע בְּרִיקֶע מִיט פִיר פֶערְד מִיט כָאמִיטִיס אִיז דוֹרְךְ גִילָאפְּן.

**הָאט עֶר זִיךְ** אָנְגִירוּפִין צוּ דִי סוֹחְרִים פוּן וַואנֶעט זֶענְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט פוּן וַוארְשֶׁא. וואוּ הִין פָּארְט אִיר. קֵיין וַוארְשֶׁא. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. טָאמֶער בַּאדַארְפְט אִיר אֵיין מְשָׁרֵתִיל. דִי סוֹחְרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ קְלוּגֶער יוּנְג אוּן אַ בְּרְיָה. אִיז עֶר זֵיי גִיפֶעלִין. הָאבִּין זֵיי אִים מִיט גִינוּמֶען. אִיז עֶר גִיפָארִין מִיט זֵיי אוּן הָאט זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵייעֶר פַּיין.

**וִוי עֶר אִיז גִיקוּמֶען** קֵיין וַוארְשֶׁא מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶועוֶן אַ בַּר הַבָנָה. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועוֶן. אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין וַוארְשֶׁא. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ הַאלְטִין בַּיי דִי סוֹחְרִים. טָאמֶער אִיז דָא אַ בֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵיי. לָאם אִיךְ גֵיין זוּכִין. וֶועל אִיךְ זֶעהְן.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אִין מַארְק. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין אוּן נָאךְ צוּ פְרֶעגִין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט. אוּן אוֹיבּ סֶע אִיז דָא אֵיין בֶּעסֶער אָרְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. אַז דִי לַייט (וָואס זֵיי הָאבִּין אִים אַהֶער גִיבְּרַאכְט) זֶענֶען עֶרְלִיכֶע לַייט. אוּן סֶע גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין נָאר מַחְמַת דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּיי זֵיי צוּ זַיין. מַחְמַת זֵייעֶר מַשָּׂא וּמַתָּן אִיז זֵייעֶר אִין וַוייטֶע עֶרְטֶער.

**דֶערְוַוייל** אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן גִיוֶועלְבּ מְשָׁרְתִים. וִוי זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז. מִיט זֵייעֶרֶע חֵן. מִיט זֵייעֶרֶע הִיטְלֶעךְ אוּן מִיט דִי שְׁפִּיצִיקֶע שִׁיךְ אוּן מִיט דִי אִיבְּרִיקֶע חֵן. וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זֵייעֶר גַאנְג. אוּן וִוי זֵיי גֵייעֶן אָנְגִיטָאן.

**אוּן עֶר אִיז גִיוֶועוֶן** אַ בַּר הַבָנָה אוּן אַ קְלוּגֶער יוּנְג. אִיז אִים דִי זַאךְ זֵייעֶר גִיפֶעלִין מַחְמַת סֶע אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ. אוּן סֶע אִיז אִין דֶער הֵיים אוֹיף אֵיין אָרְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבְּרַאכְט. אוּן הָאט זֵיי אָפְּגִידַאנְקְט. אוּן הָאט צוּ זֵיי גִיזָאגְט. אַז סֶע פַאר אִים נִיט גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין. אוּן דָאס וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיפִירְט אַהֶער דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי אַ בַּעַל הַבַּיִת. אוּן דֶער סֵדֶר פוּן דִי מְשָׁרְתִים. אַז פְרִיר מוּז מֶען זַיין אֵיין אוּנְטֶער מְשָׁרֵת. אוּן מֶען מוּז טָאן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. אוּן מְנֶעמְט וֵוינִיג שְׂכִירוּת. דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען עֶרְשְׁט אֵיין אֵייבֶּער מְשָׁרֵת.

**הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת** גִיטָאן מִיט אִים שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט. אוּן פְלֶעגְט אִים שִׁיקִין צוּ שְׂרָרוֹת עֶר זָאל טְרָאגִין סְחוֹרָה אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן מְשָׁרְתִים. וָואס זֵי טְרָאגְן גִיוַואנְט אוֹיף דֶעם עֶלִינְבּוֹיגִין. אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גִיוֶוען דִי אַרְבֶּעט. אַמָאל הָאט עֶר בַּאדַארְפְט אַרוֹיף גֵיין מִיט דֶער סְחוֹרָה. אוֹיף אַ הוֹיכְן גָארִין. אִיז דִי אַרְבֶּעט אוֹיף אִים שְׁוֶוער גִיוֶוען.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַ פִּילוֹסוֹף אַ בַּר הַבָנָה. וָואס טוֹיג מִיר דִי אַרְבֶּעט. דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר פוּן דֶעם תַּכְלִית וֶועגִין. אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען חַתוּנָה הָאבְּן אוּן זָאל מִיר קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין. אִיךְ בַּאדַארְף נָאךְ דְרוֹיף נִיט צוּ קוּקִין. דְרוֹיף וֶועט צַייט זַיין שְׁפֶּעטֶער. דֶערְוַוייל. וֶועל אִיךְ מִיר בֶּעסֶער אוֹיס זַיין אַ וֶועלְט. אוּן וֶועל אָנְקוּקִין מְדִינוֹת.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין מַארְק.** אוּן הָאט גִיזֶעהְן סֶע פָארִין סוֹחֲרִים אוֹיף אַ גְרוֹיסֶער בְּרִיקֶע. הָאט עֶר זֵי גִיפְרֶעגְט. וואוּ הִין פָארְט אִיר. הָאבֶּען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. קֵיין לַאגוּרְנָא. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט וֶועט אִיר מִיךְ נֶעמֶען אַהִין. הָאבֶּען זֵיי אִים גְעֶנְפֶערְט. יוֹא.

**הָאבֶּען זֵיי** אִים גִינוּמֶען אַהִין. פוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גִילָאזְט קֵיין אִטַלְיָא. פוּן אִטַלְיָא הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גִילָאזְט קֵיין שְׁפַּאנְיָא. דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָה יָארִין. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין נָאךְ מֶער חָכָם. מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אִין אַסַאךְ מְדִינוֹת. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. הַיינְט בַּאדַארְף מֶען שׁוֹין קוּקִין אוֹיף אֵיין תַּכְלִית.

**אוּן עֶר הָאט** אָנְגִיהוֹיבֶּען צוּ טְרַאכְטְן מִיט זַיין פִּילוֹסוֹפְיֶא (כְּלוֹמֶר מִיט זַיין חָכְמָה) וָואס עֶר זָאל טָאן. אִיז אִים גִיפֶעלִין אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען גָאלְד אַרְבֵּייט. וָוארִין סֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶע מְלָאכָה אוּן סֶע אִיז אַ שֵׁיינֶע מְלָאכָה אוּן סֶע דְרִינֶען גְרוֹיס חָכְמָה. אוּן סֶע אִיז אַ רַייכֶע מְלָאכָה

**אוּן מַחְמַת** עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בַּר הַבָנָה אוּן אַ פִּילוֹסוֹף. הָאט עֶר נִיט בַּאדַארְפְט זִיךְ לֶערְנֶען דִי מְלָאכָה כַּמָה שָׁנִים. נָאר אִין אַ פֶערְטִיל יָאר הָאט עֶר מְקַבֵּל גִיוֶוען דִי מְלָאכָה. אוּן אִיז גִיוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְלָאכָה.

**אוּן עֶר הָאט** גִיקֶענְט דִי מְלָאכָה בֶּעסֶער אֵיידֶער דֶער וָואס עֶר הָאט אִים אוֹיס גִילֶערִינְט. דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. כָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַ מְלָאכָה. אִין דֶער הַאנְט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָארְט וִויל אִיךְ מִיר דֶערְמִיט נִיט בַּאנוּגִין. וָוארִין הַיינְט אִיז חָשׁוּב דָאס. טָאמֶער אַנַאנְדֶערֶע צַייט וֶועט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ חָשׁוּב זַיין.

**אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי אַ שְׁטֵיין שְׁנַיידֶער. אוּן מַחְמַת זַיין חָכְמָה הָאט עֶר דִי מְלָאכָה. אוֹיךְ מְקַבֵּל גִיוֶוען אִין אַ קְלֵיינֶער צַייט. אִין אַ פֶערְטִיל יָאר. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען מִיט זַיין פִלוּסוּפְיֶא. כָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אִין דֶער הַאנְט צְוֵויי מְלָאכוֹת. וֶוער וֵייסְט טָאמֶער וֶועלְן בֵּיידֶע נִיט חָשׁוּב זַיין.

**בְּכֵן אִיז פַאר מִיר גוּט.** אַז אִיךְ זָאל מִיךְ לֶערְנֶען אַזוֹי אַ מְלָאכָה וָואס זִי זָאל תָּמִיד חָשׁוּב זַיין. הָאט עֶר גִיקְלֶערְט מִיט זַיין הַבָנָה אוּן מִיט זַיין פִלוּסוּפְיָא. אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען דָאקְטִירַיי. וָוארִין דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִדַארְף תָּמִיד אוּן סֶע אִיז תָּמִיד חָשׁוּב. אוּן דֶער סֵדֶר אִיז.

**אַז מִוויל זִיךְ לֶערְנֶען דָאקְטִירַיי.** מוּז מֶען זִיךְ פְּרִיר לֶערְנֶען לִיטֵיינִישׁ דָאס לָשׁוֹן אוּן דָאס כְּתַב. אוּן מְמוּז לֶערְנֶען פִלוּסוּפְיֶא. אוּן עֶר מַחְמַת זַיין הַבָנָה (דְהַיינוּ פַארְשְׁטַאנְדִיקַייט) הָאט עֶר דָאס אוֹיךְ אוֹיס גִילֶערִינְט אִין אַ קְלֵיינֶער צַייט. אִין אַ פֶערְטִיל יָאר. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער אוּן אַ פִּילוֹסוֹף. אוּן אַ חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת.

**דֶערְנָאךְ** הָאט בַּיי אִים אָנְגִיהוֹיבִּין דִי וֶועלְט וֶוערִין כְּלֹא (כְּלוֹמֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען גָאר נִיט) דְהַיינוּ עֶר הָאט גִיהַאלְטְן אַז קֵיינֶער הָאט קֵיין שֵׂכֶל נִיט. וָוארִין מַחְמַת זַיין חָכְמָה. וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען אַזוֹי אֵיין גְרוֹיסֶער בַּעַל מְלָאכָה. אוּן אַזוֹי אַ חָכָם אוּן אַזוֹי אַ דָאקְטֶער.

**אִיז אִיטְלִיכֶער** פוּן דֶער וֶועלְט בַּיי אִים גִיוֶוען כְּלֹא (גְלַייךְ וִוי נִישְׁט) אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין מַאכִין אַ תַּכְלִית. אוּן וֶועט נֶעמֶען אַ וַוייבּ. הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט אִין דֶער דֵעָה. אַז אִיךְ וֶועל דָא חַתוּנָה הָאבִּין. וֶוער וֶועט וִויסִין. וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארְן. לָאם אִיךְ מִיךְ בֶּעסֶער אוּם קֶערִין אַהֵיים. כְּדֵי מֶען זָאל זֶעהְן וָואס פוּן מִיר אִיז גִיוָוארִין. אִיךְ בִּין אַוֶועק אַ קְלֵיין יוּנְגִיל. אוּן הַיינְט בִּין אִיךְ גִיקוּמֶען צוּ אַזוֹי אֵיין גְדוּלָה.

**אוּן עֶר הָאט** זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן אוּן אִיז גִיפָאְרִין אַהֵיים. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים אוֹיף דֶעם וֶועג וָוארִין מַחְמַת זַיין חָכְמָה. הָאט עֶר מִיט קֵיינֶעם נִיט גִיהַאט צוּ שְׁמוּסְן. אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין אַרְבִּירִיק אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל. הָאט עֶר גִיהַאט אַלְץ גְרוֹיסֶע יְסוּרִים תָּמִיד.

**דֶערְוַויל לָאמִיר אַוֶועק לֵייגִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חָכָם. מִיר וֶועלִין אָנְהֵייבִּין דֶער צֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם תָּם.**

**דֶער תָּם** הָאט זִיךְ גִילֶערְנְט שוּסְטֶערַיי. אוּן מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תָּם. הָאט עֶר גִימוּזְט זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי מְלָאכָה בִּיז עֶר הָאט מְקַבֵּל גִיוֶוען. אוּן הָאט דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אִין גַאנְצִין. אוּן עֶר הָאט גִינוּמֶען אַ וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גִיוֶוען פוּן דֶער מְלָאכָה.

**אוּן מַחְמַת** עֶר אִיז גִיוֶוען אַ תָּם אוּן עֶר הָאט דִי מְלָאכָה נִיט גִיקֶענְט אַזוֹי ווִי מֶען בַּאדַארְף. מַחְמַת דֶעם. אִיז זַיין פַּרְנָסָה גִיוֶוען מִיט גְרוֹיס דוֹחַק אוּן זֵייעֶר בְּצִמְצוּם. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיהַאט צַייט אֲפִילוּ צוּ עֶסְין. וָוארִין עֶר הָאט תָּמִיד גִימוּזְט אַרְבֶּעטִין. מַחְמַת עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט דִי מְלָאכָה אִין גַאנְצִין. נָאר בְּשַׁעַת עֶר הָאט גִיאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט אַיין גִישְׁטֶעקְט דִי נָאל אוּן הָאט דוּרְךְ גִינוּמֶען דִי דְרַאטְווִיא. דֶעמוּלְט הָאט עֶר אַ בִּיס גִיטָאן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן הָאט גִיגֶעסִין.

**אוּן זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען. עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען. אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען נָאר אִין שִׂמְחָה תָּמִיד.** אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אַלֶע מַאֲכָלִים אוּן אַלֶע מַשְׁקָאוֹת אוּן אַלֶע מַלְבּוּשִׁים.

**עֶר פְלֶעגְט** זָאגְן צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר עֶסְין הָאט זִי אִים גִיגֶעבְּן אַ שְׁטִיק בְרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסְן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גִיזָאגְט. גִיבּ מִיר דִי יוֹךְ מִיט קַאשֶׁע. הָאט זִי אִים אָפּ גִישְׁנִיטְן נָאךְ אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסִין. אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן עֶר הָאט גִיזָאגְט. וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט אוּן וָואס פַאר אַ וואוֹילְקֵייט דִי יוֹךְ אִיז.

**אוּן אַזוֹי הָאט** עֶר זִיךְ גִיהֵייסִין גִיבִּין פְלֵיישׁ. הָאט זִי אִים ווִידֶער גִיגִיבְּן בְּרוֹיט. הָאט עֶר גִיגֶעסִין. אוּן הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן הָאט גִיזָאגְט וָואס פַאר אַ וואוֹילְקֵייט דָאס פְלֵיישׁ אִיז. אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ גִיהֵייסִין גִיבְּן אוּן פַאר אִיטְלִיכְן מַאֲכָל וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיהֵייסִין גִיבְּין הָאט זִי אִים אַלְץ גִיגִיבְּן אַ שְׁטִיק בְּרוֹיט.

**אוּן עֶר הָאט** דֶערְפוּן זֵייעֶר גְרוֹיס תַּעֲנוּג גִיהַאט אוּן הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט דָאס גִירֶעכְט. וָואס פַאר אַ גוּטְקֵייט סֶע אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר וָואלְט עֶס מַמָּשׁ גִיגֶעסִין. וָוארִין עֶר פְלֶעגְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת פִילְן אִין דֶעם בְּרוֹיט וָואס עֶר הָאט גִיגֶעסִין דֶעם טַעַם פוּן כָּל הַמַּאֲכָלִים וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט. מַחְמַת זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת אוּן זַיין פְרֵיילִיכְקֵייט הָאט עֶר גִיפִילְט דֶעם טַעַם אִין בְּרוֹיט גְלַייךְ ווִי עֶר עֶסְט כָּל הַמַּאֲכָלִים.

**אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זָאגִין.** מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר אַ טְרוּנְק בִּיר. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער. פְלֶעגְט עֶר לוֹיבִּין וָואס פַאר אַ וואוֹילְקֵייט דָאס בִּיר אִיז. נָאךְ דֶעם הָאט עֶר גִיהֵייסִין גִיבּ מִיר מֶעד. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן וַואסֶער הָאט עֶר אוֹיךְ אַזוֹי גִילוֹיבְּט. וָואס פַאר אַ גוּטֶער מֶעד דָאס אִיז. גִיבּ מִיר וַויין אָדֶער אַנְדֶערֶע מַשְׁקָאוֹת. הָאט זִי אִים אַלְץ גִיגִיבְּן וַואסֶער. אוּן עֶר הָאט תַּעֲנוּג גִיהַאט אוּן הָאט גִילוֹיבְּט דִי מַשְׁקֶה גְלַייךְ ווִי עֶר טְרִינְקְט זִי.

**אוּן אַזוֹי אִין מַלְבּוּשִׁים.** אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען. עֶר מִיט זַיין וַוייבּ הָאבִּין בֵּיידֶע גִיהַאט אֵיין פֶּעלְץ אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ פֶּעלְץ דְהַיְינוּ אִין מַארְק צוּ גֵיין. פְלֶעגְט עֶר זָאגִין מַיין וַוייבּ. גִיבּ מִיר דֶעם פֶּעלְץ. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן.

**אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט** אַ טוּלִיפּ גֵיין צְווִישְׁן לַייט. הָאט עֶר גִיזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם טוּלִיפּ. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר גְרוֹיס תַּעֲנוּג צוּ הָאבִּין. אוּן פְלֶעגְט לוֹיבִּין. וָואס פַאר אֵיין וואוֹילְקֵייט דֶער טוּלִיפּ אִיז.

**אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט** אֵיין קַאפְטִין אִין שׁוּל אַרַיין צוּ גֵיין. הָאט עֶר גִיהֵייסִין אוּן הָאט גִיזָאגְט. מַיין וַוייבּ גִיבּ מִיר דֶעם קַאפְטִין. הָאט זִי אִים גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ.

**פְלֶעגְט עֶר צוּ לוֹיבִּין** אוּן הָאט גִיזָאגְט וָואס פַאר אַ פַיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט דֶער קַאפְטִין אִיז. אוּן אַזוֹי אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אָן טָאן אַ יוּפֶּא. הָאט זִי אִים אוֹיךְ גִיגִיבְּן דֶעם פֶּעלְץ. פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ לוֹיבִּין אוּן הָאט תַּעֲנוּג גִיהַאט, וָואסִיר אַ פַיינְקֵייט אוּן וָואסִיר אַ שֵׁיינְקֵייט דִי יוּפֶּא אִיז. אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע זַאכִין. **אוּן עֶר אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד.**

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען___________________

טעלפון___________________

שטאט___________________

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די ניינטע מעשה (1) - מחכם ותם

**א. וואס איז דער תם געווען?**
- ☐ א נאר.
- ☐ ער פארשטייט נישט א ענין.
- ☐ זיין שכל איז געווען פראסט, אן חכמות.

**ב. דעם חכם מיטן תם האבן זאך ליב געהאט?**
- ☐ ניין.
- ☐ זיי האבן זיך זייער ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן זיך ליב געהאט.

**ג. וואס איז געבליבן פונעם גאנצען פארמעגן פון זייערע עלטערן?**
- ☐ נאר זייערע הייזער.
- ☐ נאר זייער פערד און וואגן.
- ☐ זיי זענען געבליבן אן גארנישט.

**ד. פארוואס האט דער חכם נישט געוואלט לערנען שוסטעריי?**
- ☐ ווייל עס איז גאר א שווערע ארבעט.
- ☐ ווייל עס איז א פראסטי מלאכה.
- ☐ ווייל מ'מאכט נישט גענוג פרנסה פון שוסטעריי.

**ה. וואו אהין איז דער חכם געפארן די ערשטע?**
- ☐ צו איטליא.
- ☐ צו שפאניא .
- ☐ צוווארשא.

**ו. פארוואס איז געפעלן פאר דעם חכם, גֶוועלְב (סחורה) משרתים?**
- ☐ ווייל זיי זענען געגאנגען מיט זייערע חן, און עס איז א שיינע זאך.
- ☐ עס איז אין דער היים, אויף איין ארט.
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. עס איז געווען שווער פארן חכם די ארבעט?**
- ☐ נאכן ארבעטן א פאר שעה איז אים געווארן שווער.
- ☐ ניין.
- ☐ יא.

**ח. אוואו איז געפארן דער חכם נאכדעם?**
- ☐ צו איטליא, און פון דארט צו שפאניא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו שפאניא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו לאגורנא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו שפאניא.

**ט. וועלכע מלאכה האט דער חכם געלערנט אין אנהויב ?**
- ☐ שטיין שניידער.
- ☐ דאקטערייא.
- ☐ גאלד ארבעט.

**י. אין וויפל צייט האט דער חכם געלערנט די מלאכה?**
- ☐ אין א האלבע יאר.
- ☐ אין איין יאר.
- ☐ אין א פערטל יאר.

**יא. וואס איז געווארן מיטן חכם, נאך וואס ער איז געווארן א דוקטור און א פילוסוף ?**
- ☐ מכבד געווען פאר ווער עס איז א חכם ווי אים.
- ☐ די וועלט האט אים אנגעהויבן ווערן ווי גאר נישט.
- ☐ ער האט געוואלט לערנען נאך א מלאכה.

**יב. דער חכם האט זיך אום געקערט אהיים כדי צו חתונה האבן, פארוואס?**
- ☐ ווייל ביי זיין שטאט וועט ער טרעפן א ווייב א יראת שמים.
- ☐ וויל ער האט נישט געטראפן זיין פאסיגע כלה ביי זיין פלאץ.
- ☐ כדי מען זאל זעהן וואס איז פון אים איז געווארן.

**יג. פארוואס איז געווען די פרנסה פון דער תם מיט גרויס דוחק און זייער בצמצום?**
- ☐ ווייל ער האט זיך געפוילט ביי זיין ארבעט.
- ☐ ווייל ער האט נישט געקענט די מלאכה אזוי ווי מען דארף.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואספארא שטייגער האט דעם תם געהאט?**
- ☐ ער איז געווען בעצבות.
- ☐ ער איז אמאל פריילך געווען.
- ☐ ער איז געווען תמיד פריילך.

**טו. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב ווען ער האט איר געבעטן פלייש און זי האט אים געגעבן ברויט?**
- ☐ ער האט געהאט טענות אויף איר פארוואס ברענגט זי אים ברויט.
- ☐ ער האט געשוויגן און מקבל געווען יסורים באהבה.
- ☐ ער האט זייער באלויבט דאס גירעכט (מאכל), וואס פארא גוטקייט עס איז.

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה ביז דערוויל ?**
- ☐ אז עס איז כדאי צו זיין א חכם.
- ☐ אז עס איז כדאי צו זיין א תם.
- ☐ ______________________________.

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף,
אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה,
און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

דעם רבינ'ס
# מעשיות



שם____________________

טלפון____________________

עיר____________________

# מבחן בספורי מעשיות
## מעשה ט' (1) - מחכם ותם

**א. מה היה התם?**
- ❑ טיפש.
- ❑ לא מבין ענין.
- ❑ שכל פשוט ונמוך.

**ב. האם החכם והתם אהבו זה את זה?**
- ❑ לא אהבו זה את זה.
- ❑ אהבו זה את זה מאוד.
- ❑ אהבו זה את זה.

**ג. מה נשאר לאביהם של החכם והתם מכל רכושם?**
- ❑ רק הבתים שלהם.
- ❑ רק המרכבה שלהם.
- ❑ נשארו ריק, ללא כלום.

**ד. למה החכם לא רצה ללמוד מלאכת רצען?**
- ❑ כי זה מלאכה מאוד קשה.
- ❑ כי זה מלאכה פשוטה.
- ❑ כי לא עושים מזה הרבה פרנסה.

**ה. לאן נסע החכם בתחילה?**
- ❑ איטליא.
- ❑ שפניא.
- ❑ ווארשא.

**ו. למה עבודת המשרתים של גְוֶועלְבְּן (בדים), מצא חן בעיני החכם?**
- ❑ כי הלכו עם מיני חן שלהם, והוא ענין נאה.
- ❑ העבודה זו בביתו במקומו.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**ז. האם העבודה היתה קשה לחכם?**
- ❑ אחרי כמה שעות עבודה, נהיה לו קשה.
- ❑ לא.
- ❑ כן.

**ח. להיכן נסע החכם אח"כ ?**
- ❑ לאיטליא ומשם לשפניא ומשם ללאגורנא.
- ❑ לשפניא ומשם לאיטליא ומשם ללאגורנא.
- ❑ ללאגורנא ומשם לאיטליא ומשם לשפניא.

**ט. איזה מלאכה למד החכם בתחילה?**
- ❑ שטיין שניידר (יהלומן).
- ❑ דאקטיריי (רפואה).
- ❑ צורף בזהב.

**י. בכמה זמן למד החכם את המלאכה?**
- ❑ בחצי שנה.
- ❑ בשנה אחת.
- ❑ ברבע שנה.

**יא. מה קרה לחכם אחרי שנעשה דוקטור ופילוסוף?**
- ❑ כיבד את כל מי שהיה חכם גדול כמהו.
- ❑ העולם התחיל להיות בעיניו כלא.
- ❑ רצה ללמוד מלאכה נוספת.

**יב. למה החכם חזר לעירו כדי לישא אשה?**
- ❑ כי בעירו ימצא אשה יראת שמים.
- ❑ כי לא מצא את בת זוגו במקומו.
- ❑ למען יראו מה שנהיה ממנו.

**יג. למה היה פרנסתו של התם בדוחק גדול?**
- ❑ כי היה מתעצל בעבודתו.
- ❑ כי לא היה בקי במלאכת רצענות.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**יד. איזה מנהג היה לתם?**
- ❑ שהיה בעצבות
- ❑ שהיה לפעמים בשמחה.
- ❑ שהיה תמיד בשמחה.

**טו. מה היה אומר התם לאשתו כשביקש ממנה בשר וקיבל לחם ?**
- ❑ התרעם עליה על כך, שהיא מביאה לו לחם.
- ❑ שתק וקיבל יסורים באהבה.
- ❑ שיבח מאוד את הלחם, כמה הוא טוב.

**טז. מה אתה לומד מהסיפור בינתיים?**
- ❑ ששוה להיות חכם.
- ❑ ששוה להיות תם.
- ❑ ____________________.

# בהצלחה!!!

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס **15326519611** או ל: L3233287@gmail.com